בס"ד

גליון תורני

# שערי מדע

הרחבת הדעת בהיסטורי' וידיעות טבעיות
סביבות תבל ומלואה בהשקפה תלמודית

פרשת

## פ' בהעלותך

תשפ"ה לפ"ק

נושא השבוע

## זכרון

הרב
משה נחום קרויס
עורך




## פארווארט

עס איז א מחזה הוד ווי מ'זעהט אין די טעג ווי די קנאת סופרים איז תרבה חכמה, אידן זעהן ווי זייערע ידידים, קרובים, שכנים האבן זוכה געווען מסיים צו זיין ש"ס, זיי זעהן און קוקן מיט איידעלע קנאה ווי אזוי זייער חבר לעבט א לעבן מיט תוכן און אמת'ע שמחת החיים, ווי אזוי זייער פנימע'ר שיינען מיט א אור זורח פון מתיקות התורה, און זיי פרעגן זיך אליינס צו קען איך דען נישט מסיים זיין ש"ס? צו קען איך נישט זוכה זיין צו מתיקות התורה? ברוך השם אז זיי בלייבן נישט ביים פראגע, זיי זענען מקבל אויף זיך די עול תורה און פרעגן נישט **אימתי** נאר פאנגן אן **מאימתי.**

איינע פון סיבות העקריים פארוואס מאנכע געבן אויף דאס לערנען מסכת נאך מסכת איז צוליב **שכחה**, מ'שפירט ווי מען איז א זורע ואינו קוצר, דער שר השכחה איז גובר, יא, מ'ווייסט די מעלות פון שכחה ווי דער **חובת הלבבות**[א] שמועסט שוין אויס, ווען נישט וואלט מען דאך נישט געקענט אנגיין מיטן לעבן, אבער זכרון בעיקר פאר לימוד התורה איז דאך א חיוב ווי די משנה אין **אבות** (ג, ח) לערנט אונז **השוכח דבר אחד ממשנתו,**

[א] לשון החובת הלבבות: **ומתועלת השכחה, כי לולא השכחה לא היה נשאר האדם מבלי עצב, ולא היה טורדו ממנו שום דבר משמחת עולם, ולא היה נהנה במה שמשמח אותו, כשהוא זוכר פגעי העולם, ולא היה מקווה מנוחה ממקוה, ולא התעלם ממלוך, הלא תראה איך הושם באדם הזכרון והשכחה, והמה מתחלפים ושונים זה מזה, והושם לו בכל אחד מהם מינים מן התועלות.** (שער הבחינה פרק ה)

און ווי חז"ל במסכת **מנחות** (צט) לערנען אונז אז **כל המשכח דבר אחד מתלמודו עובר בלאו וכו**'.

במשך די דורות האט מען פראבירט פארשידענע ענינים צו געדענקן פון פשוט חזר'ן ביז סגולות און מיט סימנים וכדו'.

נו, מ'וויל דאך טון וואס אימער צו געדענקן דאס לערנען, אינעם מאמר דא וועלן מיר שרייבן איבער א גאר אינטערעסאנטע עצה וואס דער **בעל העקידה** שרייבט אין זיין ספר, און עס קומט פון די חכמי האומות (חכמה בגוים תאמין) און עס ווערט נאך באנוצט עד היום הזה. ווי אויך וועלן מיר צוברענגען א העכסט אינטערעסאנטע מאמר פון הגאון **רבי אליהו אליעזר דעסלער זצ"ל**, און נאך אינטערסאנטע מדע ענינים איבער זכרון, ובזה החלי בעז"ה.

## זכרון

**זכרון איר באגריף:** 'זכרון' באדייט דאס מעגליכקייט פונעם מענטש צו קענען ארויפברענגען וויסענשאפט פון די פארגאנגענהייט. דער **כוזרי** (ה,יב) רופט אן 'זכרון' די 'כח השומר' וואס טוט אוועקלייגן די זאכן וואס מ'האט אויפגעכאפט דורך די פינף חושים.

דאס געדענקן איז איינגעטיילט אין צוויי חלקים, איינס וואס ווערט אוועקגעלייגט אין די טיפע מח קאמערן און מ'טוט עס נאר ארויפברענגען ווען מ'דארף זיך דערמיט באנוצן, צב"ש א גרוך, הנקרא בלע"ז Long term Memory, די צווייטע חלק איז וואס מ'געדענקט אויפן ארט און מ'באנוצט זיך דערמיט כסדר ווי צב"ש דערקענען פנימ'ער אד"ג הנקרא בלע"ז short term memory.

די עיקר מיט וואס מיר מוטשען זיך איז מיט די זכרון צו געדענקן זאכן וואס ליגט באהאלטן אין די טיפע מוח קאמערן, מ'וויל קענען געדענקן בלעטער גמרא אויפן דף שאם ישאלך אויב איינער וועט דיר פרעגן דאן אל תגמגם זאל מען עס קענען שנעל ארויפברענגען אויפן אויבערפלאך, ווי אזוי?

## סימנים

**והאמת** ניתן להאמר, חזר'ן און חזר'ן איז בדוק ומנוסה, אינו דומה לשונה פרקו מאה פעמים למאה ואחד, אבער עס נעמט זייער אסאך צייט און ביז עס עסט זיך איין דארף מען עפעס וואס מ'זאל שפירן אז עס ארבעט גוט שוין אין א קורצע תקופה.

חז"ל האבן זיך באנוצט מיט די מושג פון **סימנים**, ווי חז"ל אין **עירובין** (נד) זאגן שוין איבער די תועלת פון סימנים, מ'זעהט אין ש"ס זייער אסאך מאל ווי ס'איז איינגערינגעלט בעפאר א סוגיא ווי מ'גייט רעדן פון פארשידענע הלכות און מושגים ווי עס שטייט געשריבן סימנים. **יע"ל קג"ם** איז א סימן וואס יעדע חדר יונגל און ישיבה בחור קען, **י"ד שח"ט ד"ם** (די זיבן משקין וואס זענען מכשירים לקבל טומאה) **רבי יהודה היה נותן בהם סימנים דצ"ך עד"ש באח"ב.** - בדרך אגב, א טעלעפאן נומער איז זיבן נומערן ווייל מח עקספערטן האבן אויסגעפיגערט אז מ'קען געדענקן אויסערווייניג צווישן זיבן און ניין נומערן, און ווען מ'לייגט א '-' אפצוהאקן, קען מען געדענקן מער. די סימן פון רבי יהודה פון דצ"ך עד"ש באח"ב, איז געשריבן ווי אונזערע טעלעפאן נומערן (מיט די עיריע קאוד) אפגעהאקט עס צו קענען גרינגער געדענקן. - עכ"פ סימנים איז געווען איינע פון די מהלכים צו געדענקן.

נאך א מהלך איז דאס זינגען, הערשט לעצטענס האבן מיר געהערט ווי א בר מצוה בחור האט געזאגט זיין פשעטל מיט א ניגון, און עס האט עס געזאגט בעל פה כזקן וכרגיל, עס האט אונז דערמאנט פון א תוספות אין **מגילה** (לב ד"ה והשונה) אז מ'פלעגט לערנען מיט א ניגון ווי דערמאנט דארט אין גמרא בכדי מ'זאל עס קענען בעסער געדענקן.

מיר האבן שוין געשריבן ב'שערי מדע' מאמר 'תורה בכלי שיר' אז 'זינגען' קומט פון די רעכטע זייט מח, די זעלבע ארט ווי די זכרון די חלק מח וואס מעלער איז ביי זיי שטערקער, זיי קענען בעסער געדענקן פנימ'ר און בילדער, משא"כ די לינקע זייט מח (א גע'רעכטער' איז די 'לינקע' מח מער גובר געדענקט בעסער נומערן אד"ג (זעה שם ב'שערי מדע' מער איבער די אויסשטעל פון משניות בשירה).

## די עצה פונעם 'בעל העקידה'

**בעפאר** מיר שרייבן די עצה פונעם 'בעל העקידה' וואס איז געבויט אויף די חוש הדמיון צו טראכטן פון בילדער אד"ג ווי איר וועט ליינען דא, ווילן מיר דערמאנען לשבח די געוואלדיגע מפעל 'זכרו' Zichru וואס איז מפורסם מיט זייער המצאה אונטער די ממציא הרב ר' אברהם גאלדהאר שליט"א א מח עקספערט און א תלמיד חכם וואס האט ערמעגליכט פאר הונדערטער אויב נישט טויזנטער אידן וואס געדענקן די דפים פון אויסערווייניג אויף זייער א אייגענטארטיגע אופן.

עס איז שוין באשריבן געווארן אין די אידישע אויסגאבען ווי אזוי חשוב'ע היימישע בעלי בתים האבן עס אויספראבירט און עס ארבעט להפליא, זיי געבן ארויס אויף יעדע דף, דריי סימנים פונעם דף, און דערנאך ווערט עס פארוואנדעלט אין א מעשה געמאלן אויף א קאמיק'ס אופן, יעדע דף באקומט א סימן, לדוגמא ל"ב איז לע"ב (דוגמא מס' שבועות), עס איז גאר וואונדערליך און עס ארבעט, מיר וועלן נישט דא באשרייבן אלע פרטים, אבער ווי עס שטעלט זיך ארויס האט שוין די מקור אז בילדער ארבעט מער ווי ווערטער פון דער 'בעל עקידה', אינו דומה שמיעה לראיה. [אדרבא פראבירט עס אויס, עס ארבעט בלויז אויב מ'לערנט די דף זייער זייער גוט, דערנאך ארבעט די סימנים להפליא].

לאמיר ציטירן ווערטער פונעם **עקידת יצחק** (ואתחנן פרק ו): **כמו שנמצא לחכמים מחכמי האומות, המציאו תחבולה שפרסמו אותה להיטיב כח הזוכר ולהשלים חסרונו, והתחבולה אשר המציאוה בזה היא לחקות ולצייר בכח המדמה סימנים ידועים ומקומות מורגלים, בהם יפקידו הענינים הנרצים לפי יחס או דמיון שיהיה לדבר המיוחד באותו מקום או זמן אשר נפקד אותו, ואחרי כן בהעלות לפניו זכרון הסמנין והמקומות אשר הם קרובים אליו מאד, יזכרו ויפקדו עמהם הדברים ההם הנרצים בלי ספק.**

פון וועלכע תחבולה פון די חכמי האומות רעדט דער בעל עקידה? בספר **עקידת יצחק** (הוצאת עוז והדר) בהגהות צייכענען זיי צו די מקור, געווען איז עס דער משורר היוני 'סימאנידעס' וואס האט עס ערפינדן, ומעשה שהיה כך היה (מובא ביתר ביאור בקולמ' שבוע' פה): דער משורר סימאנידעס איז גערופן געווארן צום פאלאץ פונעם עושר 'סקופאס' ער האט צוגעשטעלט א סעודה כיד המלך, אלע אורחים זענען געזעצן אויף בעטן (כנהוג באותו זמן) מ'האט סערווירט פון די טייערסטע וויינען און די בעסטע פליישן.

אינמיטן די סעודה האט מען געזאגט פאר 'סימאנידעס' אז צוויי אינגען רופן אים ארויס זיי ווילן מיט אים וויכטיג רעדן, דער משורר איז ארויס, און בשעת ווען ער איז געשטאנען אינדערויסן איז די גאנצע פאלאץ פלוצים צוזאמגעפאלן על כל יושביה, און אלע אורחים מיטן גאסט געבער זענען געהארגעט געווארן רח"ל.

אויף אזוי ווייט זענען זיי צעדריקט געווארן אז מ'האט נישט געקענט דערקענען זייערע פנימע'ר, די משפחות האבן נישט געקענט ברענגען זייערע נאנטע לקבורה, ביז דער משורר וואס איז געראטעוועט געווארן, האט געזאגט אז ער קען זאגן יעדעם ווער עס איז, דורכדעם וואס ער געדענקט ווי יעדער איז געזעצן הארט פאר ער איז ארויס.

דא האט דער משורר אנדעקט א נייע תחבולה אז מ'קען געדענקן זאכן אויב טוט מען עס מחבר זיין צו א פלאץ, בילד וכדו'.

פון דאן ביז היינט איז דא א מושג וואס הייסט די Memory Palace אדער Method of Loci די ווארט loci איז א לאטייניש ווארט וואס מיינט 'פלעצער' אדער locations.

ווי אזוי די תחבולה ארבעט איז ווי פאלגענד:

לאמיר נעמען קודם א גרינגע ביישפיל, מ'וויל גיין אין גראסערי איינקויפן, מ'וויל געדענקן צען אייטעמס, מ'וויל קויפן: א עפל, מעהל, וואסער, אייער, פלעסטיק קאפ'ס, וכו'. נעמט מען די 'מקום' די 'הויז', מ'אקטעווירט די דמיון, מ'שפאצירט אין די הויז, אויפן דיינעט טיש לייגט מען בדמיון אראפ א געשמעקע רויטע עפל, מ'שפאצירט אריין אינעם דיינונג רום אויפן סאפע לייגט מען א פעקל מעהל, מ'שפאצירט ווייטער צום ספרים צימער אויף די שאפע לעבן די ש"ס לייגט מען א באטעל וואסער, פון דארט גייט מען צו די לאנדר"י צימער און מ'לייגט אראפ עטליכע אייער לעבן די וואש מאשין, און דערנאך גייט מען צום קינדער צימער און אויפן בעט לייגט מען אראפ א פעקל קאפס. דאן לאזט מען זיך ארויס צום גראסערי, און בשעת מ'קויפט איין טוט מען כאפן א שפאציר אינדערהיים דורכ'ן עולם הדמיון, און אין די דיינעט זעהט מען ליגן א רויטע עפל, און אויפן סאפע אין די דיינונג רום ליגט א פעקל מעהל וכו'.

עס איז וואונדערליך!

נאך בעפאר מיר האבן געליינט וועגן די תחבולה האבן מיר זיך באנוצט מיט די אופן בעיקר ביים שרייבן שערי מדע, ווען מיר האבן זיך געוואלט דערמאנען א ענין וואס מיר האבן געלערנט אדער געליינט, האבן מיר איבערגעשפילט די מקום, די זמן ווען מיר האבן עס געליינט, און אזוי האבן מיר זיך געקענט דערמאנען אין וועלכע ספר אדער בוך מיר האבן עס געזעהן.

אינטערעסאנט אז דער בעל הזכרון הגאון רבי מאיר מאזוז זצ"ל וואס איז נסתלק געווארן פסח בהאי שעתא, ער האט אסאך געשריבן עצות איבער זכרון, צווישן אנדערע האט ער געשריבן א מאמר בירחון 'אור תורה' (תשרי תשנ"א) ער שרייבט דארט אז 'זכר' איז משורש 'רכז' (ריכוז) ווייל ריכוז און סדר העלפט פאר זכרון, ער שרייבט אויב האט מען א קביעות זמן תמיד פאר יעדע סוג פון לימוד, לדוגמא צופרי גמרא, נאכמיטאג תנ"ך, ביינאכט משניות, אויב וועט מען זיך וועלן דערמאנען ווי מ'האט עס געזעהן וועט מען בלויז דארפן זיך דערמאנען צו עס איז געווען, בבקר, צהרים אדער בערב, און אזוי וועט מען צוזאמשטעלן די זמן מיט די לימוד.

**דער** **בעל העקידה** שרייבט אז די מקור פון די תחבולה איז שוין מקורו מחכמינו ז"ל, **וראיתם אותו וזכרתם**, מ'זעהט די ציצית און מ'דערמאנט זיך און מ'געדענקט קריאת שמע (ראה מצוה זו וזכור מצוה אחרת התלויה בה, ואיזו זו מצות קריאת שמע וכו' זעה גמרא מנחות מג) ער איז מסביר אז די תורה האט נישט געהייסן אז מ'דארף געדענקען, נאר מ'דארף טון פעולות צו געדענקן, זעה שם באריכות.

זיי צייכענען אן, אז די תחבולה ארבעט בעסער ווען מ'נעמט א פלאץ וואס מ'קען זייער גוט אין זכרון, אבער מ'איז נישט דארט יעדן טאג, דאס הייסט די היים אדער אפיס וכדו' איז נישט א גוטע אפציע למעשה, עס איז בעסער אז די פלאץ זאל האבן אסאך פרטים, ווי צימערן, בעטן, סאפעס, טישן, קלאזעטס, שאפעס (למשל, דיין אלטע הויז, דיינע עלטערנ'ס הויז, דיין זיידע באבעס הויז אד"ג) - די צווייטע נקודה, מ'זאל גיין אין א סדר לויטן די אויסשטעל פונעם מקום, מ'קומט אריין אין די לאב"י, מ'מאכט א רעכטס צום ערשטן צימער וכדו', אין יעדע צימער זאל מען זעהן די פענסטער, די בענקלעך די קאונטע"ר וכדו'.

דא קומט נאך א שטארקע נקודה, מ'זאל מאכן די זאכן אינטערעסאנט, לדוגמא ווילסט געדענקן 'תוך כדי דיבור כדיבור דמי' טראכט פון די קארדלע"ס טעלעפאון וואס ליגט ארויפגעלייגט אויף די הענטל פון די דיינינג רום בענקל, עס געפונט זיך 'תוך כדי דיבור' - די נקודה איז, ווי מער מצחיק און קאמיש עס איז געדענקט מען עס מער.

מכאן מקור ל'זכרו' ווי דערמאנט פריער אז זייערע קאמישע בילדער און אינטערעסאנטע אפילו 'פאנ"י' מעשיות האט א מקור פונעם בעל עקידה!

מער איבער די תחבולה קען מען הערן אויף **קול מדע** (עשירים במקום אחד..).

לערנט די רמב"ם פון חייב אדם להראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים. דמיון מיט זכירה.

## חלק ב'

# כתבם על לוח לבך - דרשה חדשה מהגאון רבי אליהו דעסלר זצ"ל

**עס** איז לעצטענס ארויסגעקומען א ספר **מחשבת אליהו** שמועסן פון הגאון רבי אליהו דעסלר זצ"ל וואס ער האט געגעבן נאך אין געטיטסהעד און אין לאנדאן, שמועסן וואס איז נאכנישט נתפרסם געווארן ביז לעצטענס.

אין ענין ל"ז איז געברענגט גאר א אינטערעסאנטע שמועס איבער די 'סדר שבמשנה', עס ברענגט ארויס נאך א סיבה פארוואס תורה שבעל פה איז מלכתחילה נישט אפגעשריבן געווארן, און בתו"ד צייגט ער אז אפילו תורה שבעל פה איז אפגעשריבן געווארן איז עס נאך אלס תורה שבעל פה.

מיר וועלן שרייבן זיינע דיבורים בלשון אידיש, עס איז נישט כדאי צו פארפעלן זיינע אויסדרוקן: א אדם מן השורה וואס פארמאגט נישט קיין ברייטע ידיעות אין תלמוד, טראכט צו זיך אז עס איז געשריבן געווארן אן קיין סדר און ארגעניזאציע, לאמיר נעמען א דוגמא צוויי נושאים שונים בתלמודינו, וואס לויטן פשוט'ן בליק איז נישטא קיין שום קשר צווישן זיי צוויי, די ענין פון ליינען **קריאת שמע** און די ענין פון **אכילת תרומה**.

די ערשטע משנה אין ש"ס מסכת ברכות פאנגט זיך אן: **מאימתי קוראים שמע בערבית? משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן** (פון צאת הכוכבים), לכאורה ווי קומען אריין די צוויי זאכן, קוקט אריין אין רמב"ם (ריש פ"א מהלכות קריאת שמע) און ער שרייבט: **פעמיים בכל יום קוראים קריאת שמע, בערב ובבקר, שנאמר בשכבך ובקומך, בשעה שדרך בני אדם שוכבין, וזה הוא לילה, ובשעה שדרך בני אדם עומדים וזה הוא יום, וכו'** פשוט. פארוואס דארף די משנה ברענגען א ראי' פון תרומה ווען עס איז די זמן?

טוט רב דעסלער ערקלערן, צו פארשטיין די טיפקייט דערפון, דארף מען קודם פארשטיין פארוואס תורה שבעל פה האט נישט געטארט אפגעשריבן ווערן, מ'דארף אסאך ידע אין פסיכילאגיע עס תופס צו זיין (הלשון במקור):

אסאך תלמידים בימינו, לערנען נאר צוליב די 'בחינה' די test, איינמאל מ'האט געענדיגט די פאהרער, פארגעסט מען וואס מען האט געלערנט, ער באראויגט זיך אז ווען אימער ער וועט דארפן צוקומען דערצו וועט ער נאכקוקן אינעם ספרים שאפע. אבער אויב איינער פארמאגט נישט קיין ספרים אויף וואס ער קען זיך פארלאזן אז ער וועט נאכקוקן ווען ער דארף עס, דער טוט זיך גוט גוט איינחזר'ן, נישט נאר צו קענען די מבחן, נאר פשוט אז לעת מצוא ווען ער וועט דארפן צוקומען צו די ידע זאל ער עס האבן נחקק בזכרונו, ונכתוב על לוח לבו.

פארציילט רב דעסלער אז מ'פארציילט אויף הגאון **בעל שאגת ארי'** זצ"ל וואס איז געווען רב אין מיץ, אין זיינע יונגע יארן האט ער געלערנט גאנץ ש"ס בעל פה, וויבאלד עס איז געווען בלויז איין ש"ס אין שטאט, און מ'האט נאר פארבארגט איין באנד אויפאמאל, ממילא האט מען נישט געקענט בארגן די צווייטע בעפאר מ'האט צוריקגעגבן די ערשטע, ווי אויך האט מען בלויז 'איינמאל' געקענט בארגן די זעלבע באנד, לדוגמא נאר איינמאל האט מען געקענט בארגן מסכת ברכות, דעריבער האט דער שאגת ארי' געוויסט, אז ער מוז זיך גוט גוט איינחזר'ן די מסכת ווילאנג ער האט עס ביי זיך, ווייל קיין צווייטע שאנס צו באקומען די באנד גייט ער נישט האבן. אזוי האט ער געקענט גאנץ ש"ס על פה, און ער האט אליינס געזאגט אז ווען נישט די מציאות איז ער מסופק צו ער וואלט ווען געקענט ש"ס על פה ישר והפוך.

רב דעסלער צייכענט צו וואס דער **מבי"ט** שרייבט בהקדמת ספרו **קרית ספר**, וז"ל: **תורה שבעל פה אי אתה רשאי לכותבה, להיותה גנוזה ב-נפשותיהן של צדיקים, כי זו היא קדושתן ומעלתן, ואם כותבים**

**אותה, נפחת מעלת הנפשות, כי הדבר הנכתב בספר, לא יישאר ציורו ורישומו בנפש, כדבר שלא נכתב, שיתקיים ציורו לעולם בנפש הלומד, כי מוכרח ליתן לב עליו** (איבערצוחזר'ן) **שלא יישכח, ולא ימצא עוד במה ילמוד אותו, מכיון שלא נכתב**, עכ"ל. (זעה מהרש"א גיטין דף ס).

איז ער ממשיך, הקב"ה וואס כל תעלומות תבל נגלים אליו, איז לפניו גלוי וידוע, אז אויב די גאנצע תורה וואלט ווען געווען אפגעשריבן עלי ספר, וואלט ווען די תורה געליגן אינעם ארון הקודש, אנשטאט ליגן אינעם מח און אינעם הארץ פון די מענטשן.

בנוסף האט הקב"ה געוואלט אז די השתלשלות פון מסורת התורה, זאל איבערגיין מיד ליד, מדור לדור פון משה רבינו וואס האט עס מקבל געווען בסיני, צו אלע דורות וואס קומען נאכדעם, און דאס קען נאר געשעהן ווען עס ווערט איבערגעגעבן בעל פה, מפה לאוזן, מרב לתלמיד, דור אחרי דור.

די **תורה שבכתב** איז א ספר תמציתי ומקוצר, וואס אנהאלט אין זיך אלע הלכות און דינים פון די תורה. די כתובים אלו שבתנ"ך, קומט להזכיר יעדע אות יעדע תג, די אלע הלכות וואס זענען אנגעבינדן אין איר. ווי חז"ל אין **עירובין** (כא) לערנען אונז קווצותיו תלתלים, אז אויף יעדע קוץ וקוץ קען מען דרשנ'ן תילי תילים פון הלכות. זעה אויך גמרא **מנחות** (כט). און אין **סוטה** (מט, וברש"י משמת רבי עקיבא בטל כבוד התורה).

דאס איז געווען די סיבה פארוואס מתחילה איז געווען דברים שבעל פה אי אתה רשאי לכותבם.

אבער וויבאלד די יכולות און כשרונות פון די מענטשהייט איז נתמעט געווארן נאכן חורבן בית המקדש, חז"ל האבן מורא געהאט אז די תורה שבעל פה וועט גיין לאיבוד, און אויב וועט מען עס נישט אפשרייבן איז דא א חשש און א סכנה איז אז עס וועט פארגעסן ווערן, ווי חז"ל בגיטין (ס) און אין תמורה (יד) לערנען ארויס אז עת לעשות לה' הפרו תורתיך, און ווי עס איז מבואר בטוב טעם אין **רמב"ם** בהקדמתו למשנה תורה.

**דא** קומט רב דעסלער און איז מחדש א חידוש: די ערשטע ספר פון תורה שבעל פה וואס מ'האט אפגעשריבן איז געווען די משניות, רבינו הקדוש האט עס געשריבן אויף אזא אופן, אז די משנה זאל כולל זיין ציונים און רמזים קצרים פון **כל התורה שבעל פה**, בכדי אונז צו דערמאנען אנדערע זאכן וואס זענען נישט אפגעשריבן געווארן. דעריבער איז די משנה דייקא אראפגעשריבן געווארן אויף אזא אופן וסדר, די בעסטע וועג אפילו כהיום איז אנגענומען, אז פאר 'זכרון' איז כדי קושר צו זיין און משזר זיין צוויי דברים הדומים.

די ערשטע משנה אין ברכות צייגט אונז ווי אזוי מ'זאל לערנען תורה שבעל פה ווען עס איז אפגעשריבן, בכדי עס זאל נאך אלס האבן די בענעפיטן פון 'על פה'. מ'ברענגט צוזאם צוויי דברים דומים, קריאת שמע מיט תרומה, וואס געשעהט, שוין ביים לערנען די ערשטע משנה, דארף מען אויפמישן די זכרון קאמערליך, און דורכטוהן די סוגיא פון תרומה, הערב שמש אד"ג. מבהיל.

**הגאון רבי יצחק הוטנר** זצ"ל בספרו **פחד יצחק** (חנוכה מאמר א) שרייבט אויך מעין זה: דאס וואס מיר געפונען די מושג אין ש"ס פון : **חסורי מחסרא והכי קתני, אין סדר למשנה, עניים במקום זה ועשירים במקום אחר**, חז"ל ווילן אונז צייגן **כי גם לאחר שהותרה כתיבתה של תורה שבעל פה, ומשום עת לעשות הוכרחו לכותבה. מכל מקום השאירום בשיעור ידוע כבדברים ש'בעל פה' גם לאחר שנכתבו. בכדי שגם הכתב יהא נזקק לסיוע של הפה, וסוף סוף לא תעמוד הכתיבה במקומה של הקבלה מפה לאוזן. ודברים הללו הם יסוד גדול בסדר עריכתם של דברי תורה שבעל פה על הכתב, ע"כ.**

**עפילאג:** מיר האבן דא צוגעברענגט פארשידענע ענינים און מושגים איבער זכירה, סוף דבר הכל נשמע, לערנען איז זיס געדענקן לערנען אויסערדעם וואס עס איז א חיוב איז עס זייער זיס מתוקים מדבש ונופת צופים. כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה, אשרינו פאר די אידן וואס חלקם איז מיושבי בית המדרש!

שערי מדע

עניני חכמה ומדע על פי חז"ל

## מכון שערי מדע


**הרב משה נחום קרויס**

**עורך ראשי**


■ ■ ■


להערות והארות און אזוי אויך
פאר סיי וועלכע אינפארמאציע

אדער צו ערהאלטן אונזער
וועכנטליכע גליון דורך אימעיל

**פארבינדט אייך מיט'ן מכון אויף:**

Moshe@dermentch.com

**אדער פעקסט צו:**

718.228.4311


■ ■ ■


כל הזכויות שמורות

© Copyright '15 by:

**Mechon Sharei Mada**

No part of this Gilyon may be reproduced in any form, without written permission from the copyright holder.


■ ■ ■

**יזכר לטובה**

את נשמת אחי היקר הרב **חיים יהודה** ז"ל
ביבלחט"א אאמו"ר רבי אהרן שליט"א
הוא הגבר אשר יעצנו להוציא לאור גליון
הלז, ועמד לימיני לסמכיני ולחזקינו בכל עת
ועידן, ויהא זה לעילוי נשמתו הטהורה


**Weekly Page Layout by:**

מערכת להתענג

Lehisaneg@gmail.com